צום ים פון גליל; און איז אַרויפגעגאַנגען אויפן
30 באַרג, און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט. און עס זענען
געקומען צו אים גרויסע המונים מענטשן, וואָס
האָבן געהאַט מיט זיך לאָמע, בלינדע, שטומע,
קאַליקעס, און אַ סך אַנדערע; און האָבן זיי אַנידער־
געוואָרפן פאַר זיינע פיס, און ער האָט זיי געהיילט;
31 אַז דער המון האָט זיך געוואונדערט, זעענדיק, אַז
די שטומע רעדן, די קאַליקעס זענען געזונט, און די
לאָמע גייען אַרום, און די בלינדע זעען; און זיי האָבן
אָפּגעגעבן אַ שבח צו דעם ג־ט פון ישראל.
32 און ישוע האָט צו זיך גערופן זיינע תלמידים, און
געזאָגט: איך בין אינערלעך גערירט איבער דעם
המון מענטשן, ווייל זיי זענען שוין דריי טעג מיט
מיר און האָבן נישט וואָס צו עסן; און איך וויל נישט
זיי אַוועקשיקן פאַסטנדיק, טאָמער וועלן זיי אויסגיין
33 אויפן וועג. און די תלמידים זאָגן צו אים: פונוואַנען
זאָלן מיר בעמען אין דער מדבר אַזויפיל ברויט,
34 אַזש צו זעטיקן אַזאַ מאַסע מענטשן? און ישוע זאָגט
צו זיי: וויפל לעבלעך ברויט האָט איר? און זיי האָבן
35 געזאָגט: זיבן, און אייניקע קליינע פישלעך. און ער
האָט באַפוילן דעם המון זיך אַנידערצוזעצן אויף
36 דער ערד; און גענומען די זיבן לעבלעך ברויט און
די פיש; האָט געמאַכט אַ ברכה און זיי צובראָכן,
און געגעבן צו די תלמידים, און די תלמידים צו די
37 מאַסן מענטשן. און אַלע האָבן געגעסן, און זענען
זאַט געוואָרן; און וואָס איז איבערגעבליבן פון די
ברעקלעך האָט מען אויפגעהויבן, זיבן גרויסע קערב.
38 און די, וואָס האָבן געגעסן, זענען געווען פיר טויזנט
39 מענער, אַ חוץ פרויען און קינדער. און ער האָט
אַוועקגעשיקט די המונים, און איז איינגעשטיגן אין
שיפל, און געקומען צו די גרענעצן פון מגדון.